# פרשת וירא ט׳ – ט"ו חשון תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת וירא***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **פרץ חיים בוימהאפט** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **אליעזר פעפער** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן ק"נ). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, אל הארץ אשר אראך (בראשית יב-א), און רש"י זאגט, לך לך להנאתך ולטובתך, גיי פאר דיין הנאה און פאר דיין טובה, כאן אי אתה זוכה לבנים, אבער אז דו וועסט אוועקגיין, וועסטו האבען קינדער, ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך והיה ברכה. עס דארף נאך אלץ א ביאור, פארוואס דארף שטיין לך 'לך', ווען דער אייבערשטער זאל אים נאר זאגען, לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, ווייס איך אויך אז עס איז פאר זיין טובה. ווייל דער באשעפער האט אים נאכדעם געזאגט, ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך. פארוואס דארף מען עקסטער זאגען, לך 'לך', להנאתך ולטובתך, גיי פאר דיין טובה וועגן.

**וילך** אברם כאשר דבר אליו ה' (שם יב-ד), אברהם איז געגאנגען אזוי ווי דער אייבערשטער האט צו אים גערעדט. און שפעטער שטייט אין פסוק (שם יב-ז), וירא ה' אל אברם, דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו אברהם אבינו, און ער האט אים געזאגט, לזרעך אתן את הארץ הזאת, און אברהם אבינו האט געדאנקט דעם אייבערשטען, ויבן שם מזבח, און ער האט געבויט א מזבח, לה' הנראה אליו, פאר דעם אייבערשטען וואס האט זיך באוויזען פאר אים. דער **אור החיים הק'** שטעלט זיך, וואס איז דער לשון לה' 'הנראה אליו', עס שטייט דאך פאר דעם אין פסוק וירא ה' אל אברם, אז דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו אים, ווייסט מען דאך אז דער אייבערשטער איז געווען נראה אליו. פארוואס איז דער פסוק מאריך, אז ער האט געבויט א מזבח לה' הנראה אליו, פארן אייבערשטען וואס האט זיך באוויזען צו אים.

**עס** קען אפשר זיין, אז דער ענין דערפון איז, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, לך לך, להנאתך ולטובתך. נישט נאר לטובתך אליין, נאר 'להנאתך' ולטובתך. נישט אז עס וועט ארויסקומען פאר דיר א טובה, אז דו וועסט האבען קינדער, און ואברכך בממון, ואגדלה שמך, ווי דער פסוק זאגט, נאר דער באשעפער האט אים צוגעגעבן נאך א זאך, לך לך, להנאתך. מיר גלייבען אז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד (ברכות ס:), וואס דער אייבערשטער טוט פאר א מענטש איז גוט. אפילו ווען עס קוקט אויס פאר די אויגן, אז עס איז נישט גוט, דארף עס א יוד מקבל זיין בשמחה. חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, ונפקא מינה לקבלינהו בשמחה (שם סא.), ווייל מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), **פונעם אייבערשטן קומט נישט ארויס קיין שלעכטס. אמאל איז גוט תיכף, און אמאל איז גוט שפעטער. מיר פארשטייען נאר נישט די דרכי ה', קוקט עס אסאך מאל אויס, אז עס איז נישט גוט. אבער א יוד דארף גלייבען, אז וואס דער אייבערשטער טוט, איז גוט.**

**גיין** אין גלות איז א שווערע זאך פאר א מענטש. אז מען הרג'ט איינעם בשוגג, דארף מען גיין אין גלות, און דער גלות איז מכפר. און דאס איז אין א גלות וואס ער ווייסט וואו ער גייט, ער דארף גיין אין די ערי מקלט, וואס איז אין די ערי הלוים, און ער האט דארט זיין דירה, ווי ער קען וואוינען. און כל שכן ווען מען זאגט פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, און גיי אל הארץ אשר אראך, איך וועל דיר שוין ווייזען וואו. און ער וואלגערט זיך פון איין מקום צום אנדערן מקום, איז עס אוודאי געווען א נסיון פאר אברהם אבינו אז ער זאל עס טון.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, נישט נאר איך בעהט פון דיר, אז דו זאלסט

מיך פאלגן, און גיין וואו איך הייס דיר. נאר איך וויל אז דו זאלסט עס מקבל זיין בשמחה, און דו זאלסט גיין מיט א שמחה. אז איך האב דיר געהייסען אז דו זאלסט גיין, זאלסטו וויסען אז עס איז דיין טובה. פונקט אזוי ווי ווען דו וואלסט געגאנגען פאר דיין הנאה, וואלסטו געגאנגען מיט א שמחה, און עס וואלט דיר נישט וויי געטון די וועג ווי דו גייסט, ווייל איך גיי דאך יעצט פאר מיין הנאה וועגן. אזוי אויך לך לך מארצך, כאטש עס איז דיר שווער, דו האסט נישט וואו צו עסן און וואו צו שלאפן, לך לך להנאתך, נעם עס אויף, אזוי ווי עס איז פאר דיין הנאה, און גיי מיט א צופרידענהייט, און מיט א שמחה.

**וילך** אברם כאשר דבר אליו ה', אברהם אבינו איז געגאנגען, און עס איז געווען ומצאת את לבבו נאמן לפניך, ער איז נישט געגאנגען מיט א שווערקייט, איך האב נישט קיין ברירה, דער אייבערשטער הייסט, מוז מען פאלגן, ווייל עס וועט אמאל ארויסקומען דערפון א טובה, אבער עס פעלט אין די חיות, און אין די שמחה. נאר וילך אברם כאשר דבר אליו ה', אברהם איז געגאנגען אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים גיזאגט, לך לך להנאתך, און ער איז געגאנגען מיט א פרייליכקייט, אזוי ווי ער גייט פאר זיין הנאה וועגן.

**וואו** איז דא א ראיה דערצו, אז אברהם אבינו איז געגאנגען מיט א שמחה. די גמרא (שבת ל.) זאגט, אין השכינה שורה לא מתוך עצבות, ולא מתוך עצלות, אלא מתוך שמחה של מצוה. עס איז נישט דא א השראת השכינה ווען א מענטש איז בעצבות, און ער איז נישט בשמחה. בדרך כלל ווען א מענטש האט א נסיון, און ער גייט ארויס אונטערוועגנס צובראכענערהייט, קען דאך נישט זיין ביי אים א השראת השכינה, ווייל ער איז דאך בעצבות. און דא ווען אברהם אבינו איז געגאנגען אויפן וועג, וירא אליו ה', האט זיך דער אייבערשטער באוויזען צו אים, און עס איז געווען א גילוי פונעם אייבערשטען, און א דיבור פונעם אייבערשטן, לזרעך אתן את הארץ הזאת. האט דאס געוויזען, אז דאס וואס ער איז ארויסגעגאנגען אין וועג, איז געווען מיט א שמחה. ווייל טאמער עס זאל נישט זיין בשמחה, עס זאל נישט זיין כאשר דבר אליו ה', לך לך להנאתך, וואלט נישט געקענט זיין נאך דעם, אז דער אייבערשטער זאל זיך צו אים באווייזען.

**אבער** אברהם אבינו, ווי אן ערליכער יוד, איז דאך אייביג געווען מסופק, צו ער טוט דעם רצון פונעם אייבערשטען. גיי איך טאקע להנאתך, איז עס טאקע מיט די ריכטיגע שמחה, צו נישט. אבער ווען ער האט געזען, אז דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען צו אים, האט ער געזען אז עס קען נישט זיין, אז ביי אים זאל זיין עצבות, ווייל טאמער עס איז דא צוגלייגטקייט, וואלט נישט געקענט זיין א השראת השכינה. האט ער פון דעם געוויסט אז ער טוט דעם רצון פונעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ. און ווען דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו אים, האט ער אויסער די שמחה וואס ער האט געהאט אז דער באשעפער האט אים גיזאגט, לזרעך אתן את הארץ הזאת, האט ער געדאנקט דעם אייבערשטען, אז ער האט געקענט גיין מארצך וממולדתך ומבית אביך, אויף אזא וועג אז דער אייבערשטער קען זיך נאך באווייזן צו אים, איז א סימן אז ער טוט עס בשמחה.

**ויבן** שם מזבח, אברהם אבינו האט געבויט א מזבח, לה' הנראה אליו, פאר דעם אייבערשטען וואס האט זיך געקענט באווייזען צו אים אין אזא מצב, איז א סימן אז ער טוט עס בשמחה. און אויף דעם האט ער געגעבן א הודאה פארן אייבערשטען. **ווען א יוד האט א שווערקייט, און ער גייט עס אדורך, און ער איז עס מקבל בשמחה, אויף דעם אליין דארף ער געבן א הודאה פארן רבונו של עולם.**

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **יוסף הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף משה פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שאול ראזען** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם יודא באנדא** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו**

**שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה חיים בערקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים קלמן שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **פרץ חיים בוימהאפט** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שני פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יהושע יעקב טירנויער** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **יצחק שמואל שניצער** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת וירא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף עזרא אראן** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** דער טאטע האט געדאווענט לאנגע יארן אין סאמבאטהעלי בית המדרש. מיר פלעגן הערן פונעם **סאמבאטהעלער רב**, ביי די שלש סעודות תורה, אלע חסידישע ספרים. די **עבודת ישראל** האט געקאכט.

**רבינו:** ער האט ליב געהאט חסידישע ספרים.

**א' האבלים:** ער פלעגט צו זאגען די תורה מיט בכיות.

**רבינו:** פאר סליחות פלעגט ער צו זאגען מיט בכיות, אבער אינמיטן די יאר האט ער נישט געזאגט מיט בכיות.

**א' האבלים:** יעדעס יאר האט ער נאכגעזאגט פונעם **בעלזער רב**, דעם טעם פארוואס מען הייבט אן אויפצושטיין צו סליחות מוצאי שבת, ווען מען האט נאך דעם אור פנים פונעם שבת.

איך געדענקט נאך די דרשה וואס דער רב האט געזאגט ווען דער רב איז געווארן א חתן. מיט די טלית אויף די פלייצע.

**רבינו:** דאס איז שוין אסאך יארן צוריק (שבת קודש פ' וארא תשכ"ז). עס איז געווען מיין ערשטע דרשה[א].

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט אונז שיקן, אז מיר זאלן שטיין נאנט ביי די תורה, און אויסהערן יעדעס ווארט. אלע קינדער זענען געשטאנען פארנט כדי צו הערן בעסער. היינט לויפן די קינדער ארום, און מען דארף זיי האלטן עקסטער. עס איז געווען אן אנדערע דיציפלין דעמאלטס.

**רבינו:** אין די שטובער איז אויך געווען אנדערש די דיציפלין, איז ממילא אויך געווען אין בית המדרש אנדערש.

**א' האבלים:** מיין מאמע האט מיר געזאגט, אז נאך די מלחמה איז זי געווען מיטן **סאמבאטהעלער רב**, און ער פלעגט צו פארציילען מעשיות פון צדיקים, און געבן התחזקות אין יודישקייט. און זיי האבען געשעפט אסאך התחזקות פון דעם. מען האט זיך געווארימט מיט די מעשיות פון די צדיקים.

איך בין אמאל געגאנגען מיט מיין טאטע צום **סאמבאטהעלער רב** באקוקען א לולב מיט א אתרוג פאר יום טוב, און איך געדענק אז ער האט דעמאלטס געזאגט פאר מיין טאטע, אז א יעדער פשוט'ער יוד דארף קענען דעם **קיצור שלחן ערוך** אויסנווייניג. יעדער יוד דארף וויסען קורצע הלכות, און עס חזר'ן יעדע טאג, אז מען זאל קענען אלע הלכות. כאטש דעם **קיצור שלחן ערוך** דארף מען קענען אויסווייניג.

**רבינו:** אין סערדאהעלי איז געווען א גרויסע ישיבה, און עס איז געווען א סדר, אז מען האט געדארפט לערנען א יעדע וואך צווי בלעטער

---

[א] בסעודת היום בשבת התוועדות לאנ"ש פרשת וארא תשס"ז פתח **רבינו שליט"א** את דבריו באמרו: הנני בפה מלא שבח והודאה ליוצרי ובוראי, כי ביום השבת הזה נתמלא ארבעים שנה מעת שדרשתי פעם הראשונה לבני ישראל, ביום השבת אחר שנתארסתי לטובה, בבית מדרשו של אבא מארי זצ"ל, וכה יתן ה' וכה יוסיף שיעלה בידי להגדיל תורה ולהאדירה, מתוך אריכת ימים ושנים ביחד, עד ביאת ינון במהרה דידן.

**קיצור שלחן ערוך**. עס איז געגאנגען מיט א סדר, אז א בחור אין די יארן פון די ישיבה, זאל האבען א מושג אין אלע הלכות. מען האט אדורך געלערנט גאנץ **קיצור שלחן ערוך**. און אז מען קען **קיצור שלחן ערוך**, ווייסט מען שוין וויאזוי זיך צו רירן. רוב שכיח'דיגע הלכות שטייט דארט, און וואס עס איז נישט שכיח כאפט מען זיך שוין, צו עס איז א שאלה, צו נישט.

**א' האבלים:** מיר זענען אמאל געווען דארט אין בית המדרש, און דער שמש האט געצינדן חנוכה לעכט, און ווען ער האט אראפגעווארפען די מעט"ש, איז עס אראפגעפאלן אויפן **סאמבאטהעלער רב'ס** בעקיטשע, און עס איז געווארן א לאך. האט ער פארציילט מיט א שמייכעל, אז **רבי שלמה קארלינער** פלעגט צו צינדען די חנוכה לעכט מיט חלב לעכט, ווייל ער האט געוואלט אז עס זאל בלייבען אנגעקלעפט אויף די פענסטער, און עס זאל זיין א גאנץ יאר א זכר פאר די נס חנוכה. איין יאר איז נישט געווען צו באקומען די חלב לעכט, האט ער געצינדען מיט אויל, און פלוצלינג האט זיך אנגעכאפט די פענסטער, און עס איז געווארן פארברענט, האט ער נישט געלאזט פאררעכטען, און ער האט געזאגט, אז ער וויל האבען א זכר. האט דער **סאמבאטהעלער רב** געזאגט, אז ער האט אויך יעצט א זכר.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז אין די שטאט צעהלים, איז געווען א רב **רבי מנחם כ"ץ**, ער איז געווען פון די תלמידים פונעם **חתם סופר**. און ביי אים אין די ישיבה, איז געווען א בילד פון אים, וואס האט געהאנגען אויף די וואנט. און ער האט אמאל געמאכט הבדלה, און א בחור האט געהאלטן די לעכט, און מען האט זיך געשטופט, און עס האט צוגערירט צו די בארד פון **רבי מנחם כ"ץ**, און מען האט עס שנעל געכאפט און פארלאשן. נאך הבדלה האט זיך **רבי מנחם כ"ץ** אנגערופן פאר דעם בחור, דו האסט שיעור פארדארבן מיין פאטרעיט, מיין בילד, איך וואלט נישט געהאט א בארד.

**א' האבלים:** די הקדמה צו די דרשה (שבת הגדול ושבת שובה, לפני קריאת התורה) איז אלץ געווען, אז לכאורה וועט מען דאך פאסטען, און שבת טאר מען נישט פאסטען (כמבואר בשו"ע או"ח סימן רפ"ח סעיף א'). האט ער געזאגט דריי תירוצים, קודם אז מען איז נאך נישט אויף קיין זעקס שעה (עיין בשו"ע שם), און נאכדעם מיר טרינקען קאווע (עיין בפמ"ג שם), און די דריטע תירוץ איז, אז עס איז דא אינדרויסן קידוש צו מאכען, וזה העיקר.

**רבינו:** דער **חידושי הרי"ם** פלעגט צו דאווענען לאנג. און ער האט אמאל געזאגט, די הלכה איז דאך, אז א תענית איז אסור בשבת, און ווי אזוי האלט איך אויף דעם עולם אזוי לאנג. אבער אזוי ווי מילה איז דוחה שבת (שבת קלב.), און מען איז דאך יעצט מקיים ומלתם את ערלת לבבכם (דברים י-טז), איז דאס דוחה שבת.

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אנשיל שטייף** הי"ו (כ"פ) שהתקיים בבית המדרש נייטרא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **אברהם אהרן פריעדמאן** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם ראוז קעסטל.

*

***יום רביעי פרשת וירא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **בצלאל לינק** שליט"א (כ"פ). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **עמרם בראך** הי"ו, שהתקיים בביהמ"ד ברך משה סאטמאר (סקילמאן). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מיכאל דוב הכהן הערמאן** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** ביי די קריג יארן ווען מען האט געקענט טון פאר הצלת נפשות, איז געווען א

שאלה וואס איז ענדערש, צו מען זאל טון פאר יונגערע מענטשן, אדער פאר עלטערע מענטשן. און **רבי מיכאל בער ווייסמאנדעל** האט געזאגט, אז די דעת בעל הבית איז, אז מען זאל טון פאר יונגערע מענטשן, ווייל זיי האבען נאך צו לעבן, און זיי וועלן קענען אויפשטעלן שטובער. אבער **רבי מיכאל בער** האט געזאגט, וואס פאר א פנים וועלן מיר האבען, אָן אלטע יודען. יונגע וועלן נאכקומען, אבער ווען עס גייט אוועק אן אלטער יוד, דאס איז א גרויסע אבידה.

**רבינו:** מען זעהט אין די גמרא (גיטין נו:) אז ביים חורבן בית המקדש ווען רבי יוחנן בן זכאי האט זיך ארויסגעשווערצט פון ירושלים, צו קענען פארהאנדלען מיט אספסיינוס קיסר, האט ער געבעטן פון אים דריי זאכען. און איינס דערפון איז געווען, א דאקטער פאר רבי צדוק. די גאנצע לאנד איז געווען אין א מצב פון א חורבן, און ער האט געבעטן אז מען זאל אים היילן איין קראנקע מענטש. ווייל ער האט געוויסט, אז מען דארף שפעטער האבען א בילד, ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן א יוד ווי רבי צדוק. און עס איז געווען פאר אים וויכטיג, אז רבי צדוק זאל איבערבלייבען.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **הערשל ווייזער** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **יונה כ"ץ** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום חמישי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודא.

***יום שישי פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אלי' בצלאל שפיץ** הי"ו (ב"פ, בן הר"ר **שרגא צבי שפיץ** הי"ו - מאנסי), שהתקיים באולם ספינקא (ב"פ).

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אברהם יעקב אלימלך ראזענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת שווארץ ע"ה (אלמנת הר"ר **יעקב שווארץ** ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** פון וואו איז געווען אייער מאמע פון דער היים.

**א' האבלים:** פון א קליין שטעטל נעבן סערדאהעלי, וואס האט געהייסען קאמארן. עס האט געהערט פאר סערדאהעלי.

מיין מאמע'ס מאמע'ס טאטע, האט געהייסען **רבי מרדכי פעטעני**, ער איז געווען א מגיד מישרים אין סערדאהעלי (במ"ס אמירה דכיא), איך האב געהערט פון אן עלטערן יוד, וואס האט געוואוינט אין סערדאהעלי, אז **רבי מרדכי פעטעני** פלעגט צו זאגען א דרשה אין בית המדרש אין סערדאהעלי איין מאל א חודש, און עס האט אויסגעזען ווי ביים **סאטמארער רב** ביי כל נדרי נאכט.

**רבינו:** מיין טאטע האט געהאט א ברודער, **רבי משה לייב כ"ץ**, ער האט געמאכט א ספר **ויגד משה**, און ער ברענגט צו א דבר תורה וואס ער האט געהערט בשם **רבי מרדכי פעטעני** (עיין בויגד משה ריש פ' נח).

**א' האבלים:** דער **מהרש"א הארוך, רבי דוד הערש פעטעני**, איז געווען זיין זון.

*

***שבת קודש פרשת וירא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יעקב יצחק פעפער** הי"ו, חתן הר"ר **פרץ חיים בוימהאפט** הי"ו.

אחר הבדלה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יעקב אדלער** הי"ו (וומסב"ג), שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** להיכל ישיבתנו הק' להשתתף במעמד חלוקת פרסים לבחורי חמד של ישיבתנו הק', שנבחנו על מסכת פסחים, שלמדו במשך השנה שעברה. בשילוב עם חנוכת הבית להקומה החדשה בבנין הישיבה. המנהל **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** פתח את המעמד, וכיבד את **הרה"ג רבי יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א** (דומ"ץ פאפא, וומסב"ג) לישא מדברותיו. **רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש לכל המשתתפים, וחילק התעודות להבחורים.

מטעם הנהלת הישיבה השמיע דברים הר"ר **אברהם יודא האפפמאן** הי"ו בדברי הכרת הטוב להנדיבים בעם שהתנדבו להרחבת גבולי הקדושה בבנין הישיבה. **רבינו שליט"א** מסר להם מתנה לאות הוקרה על פעלם הטוב לזכות הרבים. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** המנהל **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה***

**א** גוטע וואך, פאר די חשובע בעלי בתים, און די חשובע בחורים, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דעם מוצאי שבת. מען האט מחנך געווען דעם בית המדרש, וואס מען האט פארגרעסערט דא אונטען און אויבן. עס איז אויך א סיום אויף די מסכת וואס מען האט געלערנט, וואס די בחורים האבען אריינגעלייגט אזויפיל צייט, און מען האט ב"ה געזען פירות. מען האט פריער געהערט פון **הרה"ג רבי יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א**, ווי אזוי ער האט אזוי שיין אראפגעלייגט די חשיבות פון חזרה און לימוד התורה, מיט אזא געוואלדיגע בקיאות. איך וועל זיך שטעלן אויף א ווארט אין די פרשה די וואך.

**די** תורה הק' פארציילט, ווי אזוי די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אבינו, און אברהם אבינו האט געזאגט, יקח נא מעט מים, ורחצו רגליכם והשענו תחת העץ, ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו (בראשית יח-ד), איר וועט עסן און נאכדעם קענט איר גיין ווייטער. איך האב געזען שטיין, אז ווען דער **גערער רבי**, דער **אמרי אמת**, איז געווען א קינד, האט ער געלערנט מיט זיין פאטער, דער **שפת אמת**, חומש רש"י, און רש"י זאגט אויפן פסוק וסעדו לבכם, 'לבבכם אין כתיב כאן', עס שטייט נישט, אז איר זאלט זעטיגען ענקערעביידע הערצער, נאר וסעדו 'לבכם'. ווייל א מענטש האט צווי לבבות, ער האט א יצר טוב מיט א יצר הרע, אבער א מלאך האט נישט מער פון איין לב, און ער האט דאך גערעדט צו די מלאכים, האט ער געזאגט, וסעדו לבכם, איר זאלט סועד זיין ענקער לב.

**האט** דער **אמרי אמת** געפרעגט זיין טאטע, אברהם אבינו האט דאך נישט געוויסט אז זיי זענען מלאכים, ער האט דאך געמיינט אז זיי זענען ערביים, און פארדעם האט ער זיי געגעבן צו עסן, פארוואס האט ער זיי געזאגט, וסעדו 'לבכם', נאר איין לב. האט אים דער טאטע געענטפערט, אמת אז אברהם אבינו האט נישט געוויסט אז זיי זענען מלאכים, אבער דער אייבערשטער היט די מויל פון א צדיק, אז עס זאל נישט ארויסקומען פון זיין מויל א זאך וואס איז נישט אמת. און אזוי ווי זיי זענען געווען מלאכים, און עס איז נישט געווען 'לבבכם', האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אינעם מויל פון אברהם אבינו, אז ער זאל זאגען וסעדו לבכם, כדי עס זאל נישט ארויסקומען פון זיין מויל א ליגנט. רגלי חסידיו ישמור (שמואל א ב-ט), אז א יוד פירט זיך ערליך, טוט אים דער אייבערשטער היטן, אז פון זיין דיבור קומט נישט ארויס א זאך וואס איז נישט אמת.

**זיין** זון, דער **בית ישראל**, האט אמאל נאכגעזאגט דעם ווארט, און ער האט נאכדעם געפרעגט, סוף כל סוף ווען אברהם אבינו האט געזאגט וסעדו לבכם, וואלט ער זיך געדארפט כאפן, פארוואס זאג איך וסעדו לבכם, ווייל פון הימל האט מען געוואלט אז ער זאל נישט זאגען א ליגענט, וואלט ער פון דעם געדארפט פארשטיין אז זיי זענען מלאכים, און פארוואס האט ער זיי ווייטער געגעבן צו עסן.

**האט** דער **בית ישראל** געזאגט, אז ער מיינט אז דער פשט איז אנדערש, א גוי האט אויך נישט מער ווי איין לב, ער האט א לב נאר אויף שלעכטס. און

א מלאך האט אויך נאר איין לב, נאר אויף גוטס. אבער א יוד האט צווי לבבות, א יצר טוב מיט א יצר הרע, וואס שלאגען זיך שטענדיג ארום. ער האט געמיינט אז זיי זענען ערביים, האט ער געוואלט זאגען וסעדו לבכם, ווייל א גוי האט נישט מער ווי איין הארץ, וואס איז א שלעכטע הארץ. אבער פון הימל האט מען דאך געוויסט אז זיי זענען נישט קיין ערביים, און מלאכים האבען דאך אויך נאר איין לב, קומט אויס אז ווען ער האט געזאגט וסעדו לבכם, האט ער נישט געזאגט קיין ליגענט. ווייל כאטש ער האט געמיינט אז זיי זענען ערביים, און זיי זענען נישט געווען קיין ערביים, אבער א מלאך האט אויך נישט מער ווי איין לב.

**איך** האב געזען צוברענגען, אז דער **לב שמחה** האט אמאל געזאגט, איך וועל זאגען א ווארט פון מיין טאטע, דער **אמרי אמת**, און עס איז זייער א שארף ווארט. רש"י זאגט, אברהם אבינו האט געזען די מלאכים, כסבור, עס האט זיך אים געדאכט, שערביים הם, אז זיי זענען ערביים. האט ער געזאגט, אברהם אבינו האט געוויסט אז זיי זענען מלאכים, אבער אברהם אבינו לגבי זיין גרויסע מדרגה וואס ער איז געווען, האט ער אראפגעקוקט אויף די מלאכים, כאילו זיי זענען ערביים. אברהם אבינו איז געווען אזוי דערהויבען אין זיין מדרגה, אז א מלאך אקעגן אברהם אבינו, איז געווען אזוי ווי א גוי אקעגן א יוד. און דער **לב שמחה** האט געזאגט, אז עס איז זייער א שארף ווארט, צו זאגען אזוי אויף די מלאכים, אז אברהם אבינו האט זיי אנגעקוקט אזוי ווי זיי זענען ערביים, אבער אזוי האט דער טאטע געזאגט.

**איך** מיין אז די פשט פון די ווערטער קען זיין, און עס איז נוגע פאר די בחורים צו וויסען. די חשיבות פון עבודת ה' איז נישט וויפיל מען דינט דעם אייבערשטען, און וויפיל מען איז דערהויבען, נאר **די עבודה ווערט געמאסטען, וויפיל פלאג עס ליגט אין דעם. א מענטש פלאגט זיך, ער האט א יצר הרע, ער האט א נסיון ביי א יעדע זאך, און ער איז זיך מתגבר, און עס קומט אים אן שווער, דאס האט א חשיבות.** די גמרא (נדה ל:) זאגט, אז א יעדער מענטש בעפאר ער קומט אראפ אויף דעם עולם, קען ער כל התורה כולה. און עס קומט א מלאך, און ער איז סוטר על פיו, ער געבט אים א שנעלקע, און ער פארגעסט וואס ער האט געלערנט. מיר אלע האבען אמאל געקענט די גאנצע תורה, אבער די תורה האט נישט קיין חשיבות. א תורה וואס מען האט אריינגעלייגט אין א מענטש, וואס א מלאך האט מיט אים געלערנט, האט נישט קיין חשיבות. ווען מען קומט ארויס אויף די וועלט, און מען קען גארנישט, און מען פלאגט זיך אויף תורה, ביז מען קומט צו, דאס האט א חשיבות.

**אברהם** אבינו האט אנגעקוקט די מלאכים זייער גרויס, עושים באימה וביראה רצון קונם. אבער עס איז לבכם, זיי האבען נאר איין הארץ צו דינען דעם אייבערשטען. עס איז אזוי ווי מען האט גענומען א מאשין, און מען האט אים אנגעשטעלט אז ער זאל דינען דעם רבונו של עולם, וואס איז דער חידוש אז ער דינט דעם באשעפער, און ער איז עושה באימה וביראה רצון קונם, ווען ער געפונט זיך אויבן אין הימל, און ער האט נישט פאר זיך אן עולם הזה, און ער האט נישט קיין יצר הרע. די עבודה פון די מלאכים איז נישט געווען ביי אים חשובער, מער ווי א ערבי'. א גוי טוט מיט דעם הארץ וואס ער איז געבוירן געווארן, און דער מלאך טוט אויך מיט דעם הארץ וואס ער איז באשאפן געווארן. אברהם אבינו'ס עבודה וואס איז נישט מיט 'לבכם', נאר ער האט 'לבבכם', **א מענטש וואס האט צווי הערצער, און ער שלאגט זיך ארום טאג טעגליך, און ער איז זיך מתגבר, צו דינען דעם אייבערשטען, דאס האט א חשיבות. די עבודה פון די מלאכים איז געווען פאר אברהם אבינו כערביים, עס האט נישט געהאט ביי אים קיין שום חשיבות, ווייל א מלאך וואס טוט א עבודה ווייל ער איז אזוי געבוירן געווארן, האט נישט קיין חשיבות. א חשיבות האט נאר, דאס וואס א מענטש טוט אליין.**

*

**איך** האב געזען שטיין, דער פסוק זאגט ביי די נסיון פון די עקידה, אז אברהם האט געזאגט פאר די נערים, אליעזר מיט ישמעאל, שבו לכם פה עם החמור, איר זאלט דא בלייבן מיטן חמור, ואני והנער נלכה עד כה. און די גמרא (יבמות סב.) דרשנ'ט, שבו לכם פה עם החמור, עם הדומה לחמור, איר זענט אייניג ווי די חמורים. אין מדרש

(תנחומא כג) שטייט, אז ווען אברהם אבינו איז אנגעקומען צום הר המוריה, האט ער געזען ווי עס ברענט א פייער אויפן בארג, האט ער געפרעגט יצחק, דו זעהסט עפעס, האט יצחק געזאגט, יא, איך זעה א אש תלויה אויפן בארג. האט ער געפרעגט ישמעאל, דו זעהסט עפעס, האט ער געזאגט, ניין, איך זעה גארנישט. האט ער געפרעגט אליעזר, האט ער אויך געזאגט, ער זעהט גארנישט. האט ער געזאגט, אז איר זעהט גארנישט, שבו לכם פה עם החמור, בלייבט דא מיטן חמור, איר זענט אן עם הדומה לחמור, ואני והנער נלכה עד כה.

**די** קומענדיגע וואך אין די פרשה זעהט מען, אז אליעזר איז געווען גאנץ א דערהויבנער יוד. אברהם אבינו האט געשיקט אליעזר אז ער זאל גיין זוכען א שידוך פאר יצחק, און ער איז געווען זקן ביתו המושל בכל אשר לו, און עס שטייט אין מדרש (ב"ר נט-ח), אז ער האט מושל געווען אויף זיין יצר הרע, אזוי ווי אברהם אבינו. און אליעזר איז שפעטער עלה לשמים (ילקוט שמעוני כד-סד), ער איז געווען א גרויסער מענטש. אין די פריערדיגע פרשה שטייט, אז ער איז געווען א עם הדומה לחמור. און דא זאגט מען, אז ער איז געווען א מושל בכל אשר לו , ער איז געווען א מושל אויף זיך, און דער יצר הרע האט נישט שולט געווען אויף אים.

**אברהם** אבינו האט געזאגט פאר אליעזר, ביי די מעשה פון די עקידה, אויב דו זעהסט נישט אז דא ברענט א פייער, און דא איז דא א קדושה, זאלסטו וויסען אז דו ביסט אן עם הדומה לחמור. א מענטש וואס ליגט נישט אין תורה און אין עבודת ה', איז א בהמה אזוי ווי א חמור. און עס איז נישט דא א חילוק צווישן דעם חמור און אליעזר מיט ישמעאל. ווען ער האט געזאגט די ווערטער פאר אליעזר, איז עס אים אריינגעגאנגען אין זיין הארץ. איך לעב אויף די וועלט ווי א חמור?! שבו לכם פה עם החמור, איך זיץ דא צוזאמען מיט א חמור?! מען האט מיך צוגעשטעלט אזוי ווי א חמור, אז דער חמור איז גארנישט, בין איך אויך גארנישט. דאס האט געמאכט אויף אליעזר א רושם, און ער האט זיך גענומען צו די ביינער, און ער האט געזאגט, א חמור וויל איך נישט זיין, איך גיי נישט לעבן ווי א חמור, און איך גיי טון אלעס אין דער וועלט, זיך אויסצוארבעטן אז איך זאל נישט זיין א חמור. און אליעזר האט אנגעהויבען צו דינען דעם אייבערשטען, ביז ער איז צוגעקומען צו א מדריגה, אז ער איז געווארן המושל בכל אשר לו.

**וויפיל** איז געווען די צייט פון ווען מען האט אים געזאגט, אז ער איז א חמור, ביז ער איז געווארן א מושל בכל אשר לו. דריי יאר. יצחק איז געווען ביי די עקידה זיבען און דרייסיג יאר, ווייל שרה איז געווען נייינציג יאר בשעת יצחק איז געבוירן, און שרה איז געשטארבען בשעת די עקידה, ביי די הונדערט זיבען און צוואנציג יאר, איז יצחק אלט געווען ביי די עקידה זיבען און דרייסיג יאר. און ביי די פערציג יאר האט ער חתונה געהאט. דריי יאר שפעטער איז אליעזר געווארן אן אנדערער מענטש. - **א בחור לערנט אין די ישיבה קטנה דריי יאר. מען קומט אסאך מאל אריין אין די ישיבה און מען איז אזוי ווי א חמור, עם הדומה לחמור, אבער ער קען ארויסגיין נאך די דריי יאר, און זיין א מושל בכל אשר לו. ער איז נישט דער זעלבער מענטש, וואס ער איז געווען פריער.**

**אברהם** אבינו האט געזאגט פאר די מלאכים, וסעדו לבכם אחר תעבורו. עס איז נישט דער סדר אזוי צו זאגען, עסט און נאכדעם קענט איר גיין. אז ער וויל בלייבען לענגער, מעג ער בלייבען זיצען לענגער. וואס איז פשט אין די לשון 'אחר תעבורו' וואס ער האט זיי געזאגט. אין מדרש (תנחומא צו יג) שטייט, והנה איל אחר, אן אנדערער איל איז געווען דארט, נאחז בסבך בקרניו (בראשית כב-יג). עס איז דאך נישט געווען אן אנדערער איל, עס איז נאר געווען איין איל, וואס איז די לשון 'איל אחר', אז דער איל איז אן אנדערער איל. זאגט דער מדרש, אז דער איל של יצחק איז געווען פון די צען זאכען וואס איז באשאפן געווארן ערב שבת בין השמשות, און פון דעמאלטס אן איז עס געווען אוועקגעלייגט פאר די עקידה. זאגט דער פסוק, והנה איל אחר, דאס איז אן אנדערער סארט איל, וואס איז געווען נאחז בסבך בקרניו.

**אברהם** אבינו האט געזאגט פאר די ערביים, איר קומט דא אריין צו מיר אין שטוב אזוי ווי ערביים,

איר ווייסט פון גארנישט, איך וועל ענק אויסלערנען תורה, איך וועל ענק אויסלערנען אמונת ה', אז מען זאל גלייבען אינעם אייבערשטען, ויטע אשל בבאר שבע (שם כא-לג), ענקער לעבן זאל האבען עפעס א ווערט. און ווען איר וועט אוועקגיין פון דא, וועט איר זיין א אנדערע סארט מענטש, פון ווען איר זענט אריינגעקומען צו מיר. האט ער געזאגט, 'וסעדו לבכם', קומטס און זייט סועד דא ביי מיר, 'אחר תעבורו', ווען איר וועט ארויסגיין פון דא, וועט איר ארויסגיין 'אחר', איר וועט ארויסגיין אן אנדערער סארט מענטש, פון וואס איר זענט פריער געווען.

**און** דאס איז די עבודה פון בחורים וואס זיצען און לערנען אין ישיבה. מען קומט אסאך מאל אריין אין די ישיבה אין די בחינה פון א חמור, און עס איז 'אחר תעבורו', ווען מען גייט ארויס איז מען אן אנדערער סארט מענטש, פון וואס מען איז געווען פון פריער. **אסאך מאל קומען בחורים אריין אין די ישיבה אזוי רוי, און עס גייט אדורך א יאר, און מען קוקט זיי אן ווי אזוי זיי דאווענען, און ווי אזוי זיי פירן זיך אויף, עס איז ממש נישט די זעלבע סארט בחור, וואס ער איז געווען פון פריער. עס איז אחר, עס איז אן אנדערע סארט באשעפעניש, פון וואס עס איז געווען פאר דעם.**

**און** דאס איז די עבודה אין די יונגע יארן וואס מען האט, אז מען זאל זיך אוועקגעבן פאר תורה, און זיך אויסארבעטן. עיר פרא אדם יולד (איוב יא-יב), א מענטש ווערט געבוירן אזוי ווי א עיר פרא, א חמור, ער ווערט געבוירן נישט מער פון א בהמה, נאכצוגיין נאך תענוגי הגוף. און די עבודה איז, אז פון א חמור זאל מען אויסוואקסען, אז מען זאל זיין א מושל בכל אשר לו. און דאס איז דורך דעם וואס מען לערנט א מסכת, און מען חזר'ט עס איבער, און מען לערנט נאך א מסכת, און צוביסלעך צוביסלעך טוט מען ארויסגיין פון דעם וואס מען איז געווען פריער, און מען ווערט נתהפך פאר אן אנדערע סארט מענטש.

**די בחורים האבען פלייסיג געלערנט, און עס איז געווען א נחת צו זעהן ווי פלייסיג זיי האבען געלערנט. זומער בין איך געווען צוזאמען מיט די בחורים אינדרויסען, און אין וועלכע צייט מען איז אריינגעגאנגען אין בית המדרש, האט מען געקענט טרעפן בחורים וואס זענען געזעסן און געחזר'ט וואס מען האט געלערנט. און ב"ה מען זעהט די פירות, מען זעהט אז מען האט געקענט איין מסכת, דארף מען וויסען אז אויב מען קען איין מסכת, קען מען קענען צוויי און דריי און פיר און פינף מסכתות, מען דארף נאר לערנען.**

**די** חשובע מגידי שיעורים, מיט די ראש ישיבה וואס שטייט איבער אלעם, לייגען אריין אסאך כוחות אין די בחורים. דער מנהל רבי פישל, געבט אוועק זיין גאנצע כח אויפצוארבעטן יעדן בחור עקסטער, און מען זעהט ב"ה די פירות דערפון. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז זיי זאלן שטייגען אין תורה און אין עבודת ה'.

**און די עלטערן דארפן וויסען, אזוי ווי מען האט פריער געהערט, אז וה' ברך את אברהם בכל (בראשית כד-א), 'בכל' איז בגימטריא 'בן', אויב מען האט קינדער תלמידי חכמים, האט מען אלעס. און טאמער האט מען דאס נישט, האט מען גארנישט. גאנץ עולם הזה איז גארנישט ווערט, טאמער מען קען נישט איבערלאזן דורות תלמידי חכמים.** ב"ה די בחורים זיצען און לערנען, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען זעהן ביי זיי אסאך תענוג ונחת, און זיי זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען. די אלע וואס האבען צוגעהאלפען דערצו, אז מען זאל קענען צוברענגען דעם מקום אז עס זאל זיין א פלאץ פון תורה און עבודת ה', זאל דער אייבערשטער בענטשען ממעון הברכות. - מען גייט אריין אין א פרישע וואך, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין א מזל'דיגע וואך, און א פרייליכע וואך, א וואך מיט ברכה און הצלחה, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.